עס זאל זיין ווי די גמרא טייטש אפ אף דעם פדה בשלום, אז עס זאל ארויס קומען דער עוסק בתורה ובגמ"ח ומתפלל עם הצבור, און דאס וועט ברייננגען ווי דער מאמר איז מסיים, אז פריער איז מעלה אני עליו, און דערנאך ווערט דאס א ענין של פועל, אז פדאני לי ולבני מבין האומות בגאולה האמיתית והשלמה ע"י משיח צדקינו בקרוב בימינו ממש.

ד. אין די אגרת הקדש וואס דער אלטער רבי האט געשריבן די קטנתי מכל החסדים ומכל כו', וואס דאס שטעלט ער זיך אויף דעם פסוק פון דער סדרה וואס מ'האט געליינעט דעם שבת דמיני' מתברכין כולהו יומין, די זעקס טעג שלאחרי זה זאגט דער פסוק אז וואס האט יעקב געזהען די כל החסדים וכו', אין דערוף וואס כי במקלי עברתי את הירדן הזה ועתה הייתי לשני מחנות.

און דער אלטער רבי ארפברייענדיק אין די אגה"ק ברייננגט אראפ מערניט ווי די ווערטער כי במקלי, און דערנאך זאגט ער „וגו' צי וכו' ", ווי עס שטייט אין די דפוסים.

וואס ע"פ פשוט איז דאך אין וואס באשטייט דער חסד, איז דאס דאך ניט אין דעם כי במקלי, נאר דער חסד איז דאך באשטאנען אין דעם הייתי לשני מחנות, קומט דאך אויס אז ער האט געבראכט פון פסוק דעם טפל, און דעם עיקר איז ער מרמז מיטן ווארט וכו', אמת טאקע אז עס וואלט געווען דער לשתי מחנות אן דער הקדמה פון כי במקלי איז ניט ניכר אז דאס איז א'חסד גדול מיט חסדים גדולים, ווארום יצחק איז דאך געווען א'עשיר גדול, ווי די גמרא זאגט אין ב"מ, „זבל פרדותיו של יצחק ולא כספו וזהבו של אבימלך", איז אין וואס זעט זיך ארויס דער חסד, אז פון דעם במקלי איז דערנאך געווארן לשתי מחנות, איז דאך דערפון וואס ער ברייננגט מער ניט ווי דער ענין פון כי במקלי, איז דאך פארשטאנדיק אז אין דערוף איז שוין אויך מרומז דער ענין אויף וועלכע דער אגה"ק איז געבויט.

דער צמח צדק - וואס ער איז געווען דער ממלא מקומו פון דעם בעל הגאולה, פון דעם אלטען רבי'ן - וואס השנה איז שנת המאה להסתלקות הילולא שלו- ברייננגט ער אראפ אויף דעם פסוק כי במקלי, אז כתוב בשל"ה, אז דער של"ה שרייבט אז כי במקלי איז א ר"ת ברוך כביד הוי' ממקומו לישועתך קויתי ה'.

און איז מפרש -דער צ"צ- וואס איז דער קישור פון די ענינים מיט דעם ענין פון כי במקלי, און דאס וועט מען פארשטיין פון דעם ביאור אויף דעם פסוק, „צדקה ומשפט ביעקב", אז ביי יעקב זאל זיין צדקה ומשפט-אתה עשית, וואס דער ענין פון צדקה ומשפט, זיינען לכאורה צווי הפכים, משפט איז דער טייטש אז דאס קומט עם עפ"י דין ומשפט, איז דאס ניט קיין ענין של צדקה, צדקה איז א ענין וואס עפ"י דין און משפט איז ער ניט מחויב דאס צו טאן, ער טוט דאס מצד דעם ענין הצדקה. און דא זאגט ער אין פסוק אז ביעקב דארף זיין ביידע זאכן אי צדקה און אי משפט, און ביידע זיינען אתה עשית, ניט אז מ'זאל זאגן אז אין איין עולם איז דאס צדקה און אין דעם צווייטן עולם איז דאס משפט, ד.ה. אז אויב מ'טראכט מצד א העכערן אויפן, מצד דער נשמה, איז דאס משפט, און מצד דער גוף איז דאס צדקה, איז דאס ניט אין דעם זעלבן עולם, און דא זאגט ער אז ביידע זאכן זיינען אין עשית, דארט וואו עס קומט אראפ אין עשי' בפועל.

און פארענטפערט אין דעם, אז עס דארף זיין ביידע זאכן, ווען עס זאל קומען מצד הדין ומשפט וואלט ער אויך געקענט מאנען, עס איז אבער אבירי לו והרחוקים מצדקה, ווי די גמרא זאגט אז זיי קאנען דאס מאנען בזרוע, אבער אעפ"כ זיי בעטן מער ניט מצד הצדקה, לך הוי' הצדקה.

הנחה פרטית בלתי מוגה

- וואס לכאורה -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 109 הודפס ע"י אוצר

וואס לכאורה איז דאך ניט פארשטאנדיק, ווייבאלד אז יעקב האט געהאט די הבטחה, איז וואס האט ער גיארפה דאגן אז קטנתי מכל החסדים ומכל האמת, עס האט דאך געקומט מצד המשפט, זאגט מען אויף דערויף אז ער האט מורא שמא יגרום החטא, וואס דאס גופא ווייבאלד אז עברו רוב שנותיו, איז ע"פ דין האט ער דארט ניט געהאט קיין ענין מורא צו האבן שמא יגרום החטא.

נאר דאס איז אלץ א חשבון ווי דאס איז ע"פ שכל, בשעת די הנהגה איז מצד ביטול בעבד לפני אדונו, וכבן קטן לפני אביו, איז דעמאלט ניטאדער ענין פון די חשבונות, וואס דעמאלט מובטח לו שלא יחטא ווייבאלד אז עברו רוב שנותיו, און ער איז בטוח אז הרחוקים בצדקה, ער קאן מאנען בזרוע. ווארום עס קומט ע"פ משפט, ווייבאלד אז ער שטייט אין א ביטול, אז ער איז בא זיך קיין מציאות ניט, אז קטנתי, איז דעמאלט קוקט ער אויף די ענינים אז דאס איז מער-ניט מצד חסד עליון האט עס געקומט דער ענין.

לכאורה, עפי"ז וואס טוט דא אויף דער ענין פון משפט, עס איז דאך גענוג דער ענין הצדקה, אבער אויב ער קומט מער-ניט ווי מצד הצדקה, דעמאלט איז ניט קיין אופטוא אז ער בעט בתורת צדקה ווארום קיין אנדער וועג קאן ער ניט בעטן, טוט ער דאס ניט מצד הביטול נאר מצד המציאות, אז ער זעט דעם אמת ווי דער אמת איז וועט ער בדרך ממילא אויך מלמעלה האבן כפי המדידה והגבלה ווי צוקה איז, ווארום צדקה אט דאך אויך מדידה ווי די גמרא זאגט אז צדקה איז די די מחסורו אשר יחסר לו, ואי אתה מחויב לעשרו, אז מ'גיט עם מיט א מדידה והגבלה, דאס וואס ער איז צוגעוואוינט איז דאס א סוס לרכוב עליו ועבדים רצים לפניו, דארף מען אים דאך דאס אויך געבן, בד"א אויב ער איז אזוי איינגעוויינט געווארן בילדותו ובטבעו, אבער אי אתה מחוייב לעשרו.

בשעת אבער אז ער מצד הטבע קאן מאנען משפט, און אעפ"כ מאנט ער בתורת צדקה, וויל ער שטייט אויך העכער פון טבע און מדידה והגבלה פון טבע, איז דעמאלט גיט מען עם די צדקה ווי דאס איז למעלה דער ענין הצדקה, וואס מלמעלה וויפיל מ'וועט ניט געבן איז דאס באן אלץ גיט דער ענין פון עשירות, מצד דעם מטה ווערט דאס למטה עשירות, מצד דעם נותן איז דאס אבער ווינקער פון חומש, און ווינקער פון מעשר, און ווינקער פון א חלק הבי קטן, ממילא וויפל ער גיט האט ער נאך ניט יוצא געווען דעם מצות הצדקה.

וואס אין עבודת האדם איז דאס די צווי ענינים פון ברוך כבוד ה' ממקומו און לישועתך קויתי ה', וואס לישועתך קויתי ה' איז דאס מער-ניט וואס ער פארלאזט זיך אויף ישועת ה', אבער מאנען קאן ער ניט, דערפאר וואס ער האט ניט מיט וואס ער קאן דאס מאנען מערניט ווי בתורת צדקה, ס'איז אבער מצד דערויף וואס כבוד הוי' ווערט נמשך ממקומו, וואס דאס איז דער ענין פון ברוך ונמשך ביז למטה מטה, ווייבאלד אז דאס נעמט זיך ממקומו פון אמיתית ענין המקום פון כבוד ה', דעמאלט איז ניטא אויף דערויף קיין הגבלות און קיין מניעות און גבוה גבוה ביותר קומט אן ביז אין מטה מטה ביותר.

וואס דאס ברייננגט דער אלטער רבי ארא"ה כי במקלי, אז בא יעקב איז געווען די ביידע ענינים פון דעם צדקה ומשפט ביעקב אתה עשית, און מצד דערויף וואס ער איז געשטאנען אין אזא מין תנועה איז ער געווען ביי זיך קטנתי, און דער קטנתי איז געווארן דערנאך א כלי אז הצילני נא - ביז אין א'אופן פון ואתה אמרת ביז אין דעם ענין פון הרצה ביז ובזדעך, וכמבואר במ"א בארוכה.

- וואס וואס -

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 110 הודפס ע"י אוצר

וואס וואס איז דערפון אלעם די הוראה בנוגע לעבודה בפועל, אז בשעת מ'בעט ביי דעם אויבערשטן הצלחה אין דער עבודה פון הפצת המעיינות והיהדות און אין די הצלחה אין די ענינים הפרטים, אין בני חיי ומזוני רוויחי, איז ווי דער רבי דער נשיא האט אמאל געזאגט, וויבאלד אז די גמרא זאגט אז כל ישראל בני מלכים הם, פאר א בן מלך א טרחה הכי קטנה איז דאס שוין א עבודת פרך, במילא אז ער איז מטריח אפילו צוליב דעם אויבערשטן קאן ער שוין מאנען פון דעם אויבערשטן כל הון דעלמא, בענינים פון בני חיי ומזוני רוויחי.

ווי דער אלטער רבי איז מבאר באריכה בתו"א בכ"ש וק"ו אז נבוכדנצר געגאנגען ג' פסיעות לכבוד המקום האט ער געהאט מלכות אויף ג' דורות, און מלכות נבוכדנצר איז דאך געווען על כל העולם כולו, א מושל בכיפה, עאכו"כ וואס קומט ארויס א אידן אפילו אין קל שבקלים, עאכו"כ אז די מציאות איז דאך ניטא, יעדערער איז העכער פון דער מציאות.

און אעפ"כ מאנט ער אין א אופן פון צדקה, כאטש אפילו עס קומט ארויס אין א אופן פון משפט, אזך דעמאלט קומט דאס אראפ אין פועל דער ברכת ה' ממקומו, ביז אין הצלחה למעלה מכל מדידה והגבלה, אז מ'האט כל המצטרך לו בבני חיי ומזוני רוויחי, און מ'קומט אין דורך פירן דעם אויבערשטנס שליחות מתוך שמחה וטוב לבב ובהצלחה מרובה, ביז וואנעט אז ווי רש"י זאגט אין התחלת פון היינטיקע סדרה אז והי' בית יעקב אש ובית יוסף לבבה, און עס ווערט בטל ע"ד ווי קש האט קיין מהשות ניט לגבי להבה, אזוי אויך די אלע מניעות ועיכובים ווערן בטל, אזוי ווי קש ווערט בטל פאר אש, וואס דאס איז דאך ניט עץ וואס לגבי אש שטעלט זיך אין א התנגדות, וואס דערפאר איז דא א רעש און א עשן גדול וכו' וכו', שטרוי אז מ'צינדט אן אין אש, עאכו"כ אז מ'צינדט אן מיט א להבה איז ניטא קיין שטורעם, עס ווערט אינגאנצן אויס מציאות פון דעם קש מיט דעם תבן.

און דאס פירט מען אויס לאחרי די עבודה און נאך דעם ענין פון קטנתי, ביז ויקרא לו ישראל כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל. אז עס ווערט דערנאך ניט נאר דער ביקש יעקב לשב בשלוה, נאר ער איז זאקע יושב בשלוה, ווי ער זאגט אז די פדי' איז אין א אופן פון בשלום, און דאס קומט אראפ מידי שנה בשנה בתוספת אור, ווי דער אלטער רבי, דער בעל הגאולה שרייבט בנוגע צו ר"ה, אז בכל שנה ושנה איז מאיר א אור עליון יותר, וואס ס'איז קיינמאל אזא אור עליון ניט געווען, עד"ז איז אויך אין דעם טאג וואס די רביים די נשיאים האבן געזאגט אז דאס איז דער ר"ה לתורת החסידות ולהליכה בדרכי' ובהדרכותי', איז דעמאלט מאיר א אור גדול עליון, וואס איז נאך קיינמאל ניט געווען, און גיט סיוע אין די אלע ענינים אז דאס זאל זיין א שנת אורה און שנת ברכה און שנת הצלחה בכל עניני תומ"צ, וכפס"ד של בי"ד של מעלה הידוע אז ידם על העליונה.

... אין די זכרונות פון דעם רעבי'ן דעם נשיא וועגן דעם בעל הגאולה, וואס ער דערציילט נאך זיין הנהגה נאך איידער ער איז געגאנגען אין מעזריטש, און עאכו"כ אז ער איז געקומען צוריק, איז געווען ווי אזוי ער האט זיך פארנומען שוין דעמאלט אין מפיץ זיין תורה ויהדות און אין א אופן של חינוך, וואס די הנהגה אין חינוך איז דאך ווי די גמרא זאגט אז ימין מקרבת און מערנים שמאל דוחה, וואס דאס איז דאך די הנהגה מיט תינוק באותו ענין, וואס דעמאלט איז ער א זקוק להדרכה ולחינוך.

אזוי ... דאס אויך ווי חסידים בעב"ילן אז אין דעם סדר פון די חלקים פון תניא, ווי ס'איז משמע אין די הקדמה פון שהיוה"א וואס ער שרייבט בנוגע צו די חלוקות אין אהבה - כמו שיתבאר, בל' להבא ועתיד, אז ס'איז

הנחה פרטית בלתי מוגה — -גייעז פריער -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 111 הודפס ע"י אוצר